**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון דריי אלבאני 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' פראיעקטן קאסטנדיג א סך הכל פון 6.6 מיליאן דאלאר**

***'קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו' פראיעקט גיבט א נייע צורה פאר וויכטיגע פלאץ וואס פירט אריין צו די געגנט, פארמערט פארבינדונג אין געגנט און שטעלט אוועק אן פראבעס שטח פאר 'פּאַפּ-אָפּ' ביזנעסער, געשעענישן און פראגראמען***

***פארבעסערונגען צו אויסקוק, ווירקזאמקייט און זיכערהייט פון Clinton Avenue גאס***

***באלייכטונג איינריכטונגען צוגעלייגט צו Livingston Avenue טונעל אונטער באן רעלסן בריק צו פארשטערקערן זיכערהייט פאר פיסגייער***

***[זעהט בילדער פון בעפאר און דערנאך](#) פון דעם קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט, Clinton Avenue גאס אויסקוק פראיעקט און Livingston Avenue בריק באלייכטונג פראיעקט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון דריי 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative, DRI) פראיעקטן אין די סיטי אָוו אלבאני וואס האבן געקאסט א סך הכל פון 6.6 מיליאן דאלאר — די 'קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו', פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון Clinton Avenue און באלייכטונג פון די טונעל אויף Livingston Avenue אונטער די באן רעלסן בריק. דער קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט האט רענאווירט Federal Park וואס פלעגט שטיין אומבאנוצט ביי די ווינקל פון Clinton Avenue און Broadway צו ווערן א לעבהאפטיגע עפנטליכע פלאץ מיט א נייע מארקעט קאנצעפט וואס דינט אלס א שטח פאר נייע ביזנעסער צו אויספרובירן זייערע געדאנקען און צו ארייננעמען פארשידנארטיגע 'פּאַפּ-אָפּ' ריטעיל געשעפטן, אינסטאלאציעס דורך לאקאלע ארטיסטן און ספעציעלע געשעענישן. דער Clinton Avenue גאס אויסקוק פראיעקט האט פארבעסערט די שיינקייט, ווירקזאמקייט און זיכערהייט פון די Clinton Avenue גאס פירנדיג צו Clinton Square. באלייכטונג איינריכטונגען זענען אויך צוגעלייגט געווארן צו די טונעל אונטער די באן רעלסן בריק אויף Livingston Avenue צו פארמערן זיכערהייט פאר פיסגייער און שאפן א מער ציהענדע ארייננגאנג אויף Broadway. צוזאמען, רוקן די דריי פראיעקטן פאראויס די ציהל פון אלבאני'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו — צו טראנספארמירן Clinton Square צו ווערן א בליהענדע ארייננגאנג דיסטריקט און אן אייגנארטיגע צענטער וואס פארבינדט און טרייבט אונטער אקטיוויטעט אין די שטאט-צענטער און אין די ווערעהאוז דיסטריקט.

"די פראיעקטן זענען געוואלדיגע ביישפילן פון וויאזוי אונזערע אינוועסטירונגען טוהען טראנספארמירן קאמיוניטיס און פאראויס טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין שטאטישע צענטערן אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון די דריי פראיעקטן העלפט ווייטער באררייכערן די געוואלדיגע שטאט און פארשאפן בעסערע ביזנעס און דזשאב געלעגנהייטן אין די געגנט, בשעת'ן שטיצן

א מער הערליכע און לעבהאפטיגע פלאץ. "דורך די דאונטאון ווידער-אויפלעבונג אינציאטיוו, וועט ניו יארק סטעיט ווייטער דעליווער'ן די ריסאורסעס וואס קאמיוניטיס דארפן כדי צו בליען און ערפילן זייערע פולסטע מעגליכקייטן".

**סעקרעטערי אָוו סטעיט וואלטער ט. מאסלי האט געזאגט,** "אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו טוט טראנספארמירן קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט מיט ערפינדערישע פראיעקטן, ווי די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו, וואס פארבינדן צענטראלע פונקטן אין די קאמיוניטי, צוזאמברענגענדיג איינוואוינער און צוציהענדיג באזיכער פון אריבער די גאנצע סטעיט און לאנד. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס די סטעיט דעפארטמענט און אונזערע שותפים טוהען צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א בעסערע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

די פלאץ וואס פלעגט אמאל שטיין כמעט אן באנוץ הארט נעבן גרויסע אטראקציעס אין די שטאט-צענטער, The Palace טעאטער און די Skyway, איז אויפגעשטאנען צו א תחייה אלס די 'קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו', באשיינט מיט שפריצנדע וואסער פאלן באלאכטן מיט קאלירטע לעמפלעך; דעכלעך פאר שאטן; צוויי 20-פיס-לאנגע שיפינג קאנטעינערס וואס קענען צוגעפאסט ווערן פאר מערערע צוועקן און וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר לאקאלע ביזנעסלייט, קליינע ביזנעסער און פארקויפער פאר ליעס; ראמפעס צוגענגליך פאר הענדיקעפט מענטשן; ספעציעלע פלאץ נעבן די טראטואר און עלעקטריציטעט צוגעשטעלט פאר עסנווארג טראקס.

די אויפשטעלונג פון די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט אויסברייטערן Clinton Square'ס באדייטנדע ראלע אין די שטאט-צענטער, צוזאמברענגענדיג און איינשפאנענדיג די שטארקייטן און געלעגנהייטן וואס ווערן געשאפן דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו אינוועסטירונגען. עס איז א הויפט וועג צו די קאפיטאל סיטי, דינענדיג אלס הויפט טויער צו אלבאני פאר צענדליגער טויזנטער ניו יארקער און ארויס-פון-סטעיט באזוכער, אריינגערעכנט טויזנטער מענטשן וואס קומען צו דער ארבעט דא יעדן טאג און די איינוואוינער וואס רופן קלינטאן סקווער זייער היים. די געגנט האט א רייכע היסטארישע העריטעדזש פארטרעטן דורך די פארשידנארטיגע ארכיטעקטורישע סטילן און לענדמארקס, אזוי ווי אלבאני יוניאן סטאנציע און קוואקענבוש הויז.

דער 3.56 מיליאן דאלארדיגער קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט, געספאנסארט דורך Capitalize Albany, האט באקומען 1.16 מיליאן דאלאר אלס טייל פון די 10 מיליאן דאלארדיגע אלבאני שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו. דער פראיעקט האט אויך באקומען א $750,000 עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט אינפראסטרוקטורישע גרענט נאכן רעקאמענדירט ווערן דורך די הויפטשטאט ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Capital Region Economic Development Council), און 1.1 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' ( American Rescue Plan Act) פון די סיטי אָוו אלבאני און א $250,000 גרענט פון National Grid.

דער Clinton Avenue גאס אויסקוק פראיעקט האט באקומען $2,818,010 אין DRI גרענט געלטער. אלס טייל פון דעם פראיעקט זענען פארבעסערונגען געמאכט געווארן צו די אויסקוק פון די גאס און צו פארמערן זיכערהייט פאר פיסגייער פון Broadway ביז North Hawk Street אינערהאלב די גרעניצן פון די DRI געגנט. די דעזיין האט אן עלעמענט צו באצייכענען די אריינגאנג צו די געגנט, פארבעסערונגען צו די טראטוארן און ביציקל לעינס, פארבעסערטע באלייכטונג פאר פיסגייער, איינגעפלאנצטע בוימער און לענדסקעיפינג, נייע טראפיק סיגנאלן און גרויסע מיסט קאסטנס.

דער פראיעקט צו באלייכטן די Lvingston טונעל האט באקומען $250,000 אין DRI גרענט געלטער. די באלייכטונג פון די טונעל אונטער די באן רעלסן בריק אויף Livingston Avenue האט אריינגעבויט קונסטליכע באלייכטונג אייגנשאפטן צו פארמערן זיכערהייט פאר פיסגייער און שאפן א ציהענדע

אריינגאנג צו די געגנט אויף Broadway. די קונסטליכע באלייכטונג איז איינהייטיג מיט די קונסטליכע באלייכטונג וואס באלייכט די Albany Skyway.

אלע דריי פראיעקטן ערגענצן די דערנעבנדע Skyway, די הויפטשטאט ראיאן'ס ערשטע און איינציגסטע הויכע און לענגליכע פארק וואס פארבינדט אלבאני'ס שטאט-צענטער צו די האדסאן ריווער ברעג.

די סיטי אָוו אלבאני איז אויסגערופן געווארן אלס די הויפטשטאט ראיאן געוואונער אין די [3'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו](). אלבאני'ס DRI פלאן קאנצענטרירט זיך אויף ווידער אויפלעבן קלינטאן סקווער צו בויען א ווארעם ענטפאנגענדע טויער צו די קאפיטאל סיטי. די באקוועמע און פיסגייער-פריינטליכע געגנט, רייך אין היסטאריע, קונסטווערק און קולטורישע אוצרות, איז דארט וואו פינף סיטי אינוועסטירונג זאנעס קומען זיך צוזאם. די סיטי'ס חזון איז צו דירעקט אויפלעבן Clinton Square בשעת'ן מאכן אינוועסטירונגען צו אריינפילן אומבאנוצטע שטחים ארום און ארום, פארבעסערונגען צו די ארטיגע גאסן און געציהלטע האוזינג אויפלעבונג פראיעקטן. מיט די DRI אינוועסטירונג, וועלן איינוואוינער, באזיכער און ארבייטער הנאה האבן פון נייע פארבינדונגען צו די האדסאן ריווער.

אנדערע פראיעקטן אין אלבאני וועלכע זענען געשאנקען געווארן פינאנצירונג פון די DRI און זענען יעצט שוין פארטיג רעכענען אריין די Albany Skyway און איר לענגליכע פארק וואס קען גענוצט ווערן פאר פארשידענע צייטווייליגע צוועקן, די נייע אריינגאנג צו די Quackenbush גאראזש, פיר גרויסארטיגע געפארבטע ווענט אין Clinton Square און פארבעסערונגען צו די פארבינדונגען ארום Quackenbush Square.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוהען פראגראמען ווי די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו אינוועסטירן אין די הערצער פון אונזערע שטאטישע געגנטער צו ארייננעמען נייע איינוואוינער און באזיכער און אזוי אויך שטיצן נייע ביזנעסער און געדאנקען וואס טרייבן אויף שטאנדהאפטיגע וואוקס. די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו איז א לעבעדיגע פלאץ וואס וועט ברענגען נייע ביזנעסער, מענטשן און ענערגיע צו א לאַט וואס פלעגט שטיין אומבאנוצט אין אלבאני'ס שטאט-צענטער, און עס ווייזט וויאזוי די קאמיוניטי אנטוויקלונג באמיאונגען קענען ברענגען א לאנג-בלייבנדע טויש."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו פייערן די קריטישע אינוועסטירונגען — יעדע פון וועלכע צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס אין אונזערע באמיאונגען צו ברענגען א באנייטע לעבהאפטיגקייט צו אלבאני'ס היסטארישע שטאט-צענטער געגנט. די פראיעקטן ווייזן ארויס אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו קאמיוניטי אויפלעבונג — טראנספארמירנדיג אומבאנוצטע שטחים צו ווערן אוצרות פון עפנטליכע פלאץ וואס פלעגן עקאנאמישע וואוקס און פארמערן זיכערהייט און פארבינדונג פאר אלע אלבאני איינוואוינער. איך בין שטאלץ צו זעהן די אינוועסטירונגען ווערנדיג פרוכטבאר, און איך קען נישטווארטן צו זעהן וויאזוי די פראיעקטן וועלן מאכן אלבאני פאר א מער לעבעדיגע און אריינגעמנדע שטאט פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער, RPh, האט געזאגט,** "די פייערליכע עפענונג פון די 'קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו' וועט ווייטער פארברייטערן די השפעה פון דאס עפענען די צוטריט צו אלבאני'ס וואסער ברעג דורך די Skyway. א דאנק פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און פאר אלע סטעיט, לאקאלע און פריוואטע שותפים וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו ברענגען דעם לאנג-ערווארטעטן פראיעקט צו ווערן א מציאות. די אינוועסטירונגען אין די שטאט-צענטער פון אלבאני צו פארמערן די פריינטליכקייט פאר פיסגייער און איינוואוינער זענען געווען טראנספארמאטיוו, און איך קוק ארויס צו זעהן ווייטערע וואוקס."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "די סיטי אָוו אלבאני איז באגייסטערט ביז גאר צו אנאנסירן די פארענדיגונג פון די 'קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו', און מיר באדאנקען אונזערע סטעיט שותפים פאר די פינאנצירונג און שטיצע צו זעהן דעם פראיעקט אנקומענדיג צו די פארענדיגונג. אלבאני'ס שטאט-צענטער איז איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע געגנטער אין אונזער שטאט. דורכן אוועקשטעלן עפנטליכע ערטער פאר מערערע צוועקן, וועלן מיר זיכער מאכן אז די געגנט זעצט פאר צו וואקסן און אז עס וועט זיין אן אריינגעמנדע פלאץ נישט נאר פאר איינוואוינער נאר אויך פאר אונזערע באזיכער. פלעצער פאר צוזאמקומען ווי די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו דינען אלס די הארץ פון שטאט, און מיט פארבינדונגען צו די Skyway, The Palace, די Livingston טונעל און אזויפיל מער — איז די פארענדיגונג פון דעם DRI פראיעקט אין א פאזיציע צו זיין געגוי דאס."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, דעניעל פ. מעקקאָי, האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער איז קריטיש פאר די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע געזונטהייט פון אונזער קאמיוניטי. די פראיעקטן וועלן פארמערן די זיכערהייט, צוגענגליכקייט און אלגעמיינע קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע איינוואוינער, פארשטערקערן טוריזם און אוועקלייגן די יסודות פאר צוקונפטיגע פארבעסערונגען. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פאראויס-טראכטנדע צוגאנג צו איבערבויאונג און אנגייענדע שטיצע. איך קוק ארויס צו צוזעהן די פאזיטיווע ווירקונג וואס דאס וועט האבן אויף די געגנטער, פון די שטאט-צענטער, אריבער די ווערהאוז דיסטריקט און ביז ארבאר היל."

**Capitalize Albany Corporation ציִיטוויליגע פרעזידענט, עשלי מאָהל, האט געזאגט,** "אזויפיל מענטשן האבן זיך אהערגעשטעלט צו ברענגען דעם פראיעקט צום לעבן. מיר זענען דאנקבאר פאר די הונדערטע קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע האבן מיטגעטיילט זייערע געדאנקען פאר די טראנספארמאציע פון די פלאץ דורכאויס דעם DRI פלאנירונג פראצעדור פאר Clinton Square, און א דאנק פאר National Grid, פאר די סטעיט דעפארטמענט, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די סיטי אָוו אלבאני פאר זייער הילף מיטן אקטיוויזירן די אומבאנוצטע אריינגאנג צו די שטאט. נאך קריטישע ארטיגע איינריכטונגען פעהלן נאך אויס צו פאראויס שטופן די מארקעט קאנצעפט, און מיר קוקן ארויס צו הערן פון- און ארבעטן מיט- נאך שותפים אויפן פראיעקט וועלכע וועלן אונז העלפן פולשטענדיג פארווירקליכן די פאטענציאל פון די פלאץ. די 'קלינטאן מארקעט' איז א נייע דעסטינאציע, דעזיינט ספעציפיש צו אונטערטרייבן פארשידנארטיגע געלעגנהייטן פאר ספעציעלע געשעענישן וואס שטעלן ארויס און פארגרעסערן פארשידענע סארטן געשעפטן און ביזנעס געדאנקען. די פלאץ וועט צוציהען באזיכער צו Clinton Square און זיי מוטיגן צו בלייבן פאר לענגער צו אנטדעקן אלבאני."

**הויפטשטאט ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פארזיצער, רוּט מעהאָני און דר. האַווידאן ראדריגעז, האבן געזאגט,** "די צוגאב פון די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט אויפטרייבן נייע עקאנאמישע וואוקס דורכן פארבינדן וויכטיגע פלעצער אין די שטאט-צענטער פון אלבאני און דורכן שאפן א פלאץ וואס שטעלט פאר די געגנט אלס א פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און אנטדעקן. צוזאמען ווייזן די דריי פראיעקטן ארויס וויאזוי די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו טוט אריינגעבן א פרישע ענערגיע אין אלבאני'ס שטאט-צענטער אין וועגן וואס וועלן בענעפיטירן די געגנט פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

די [שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו](#) (Downtown Revitalization Initiative, DRI) איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארשטערקערן די אויפלעבונג פון שטאט-צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר פארמערטע לאקאלע אינוועסטירונגען. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט (Department of State, DOS), בענעפיטירן DRI קאמיוניטיס פון שותפות און קאארדינירטע טעכנישע הילף וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די דעפארטמענט פון האוזינג ענד קאמיוניטי רינוּעל ( Housing and

Empire State Development, ) עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ,(Community Renewal, HCR
ESD) און דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State
Energy Research & Development Authority, NYSERDA). די DRI איז א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג.

ביז היינט, האט די DRI שוין פארטיילט א סך הכל פון 800 מיליאן דאלאר פאר 81 קאמיוניטיס אין אירע ערשטע זיבן רונדעס, און עס האט אינוועסטירט אין די אויפבויאונג פון נאענט צו 4,500 נייע האוזינג יוניטס. עס איז געשאצט אז יעדע דאלאר וואס ווערט אינוועסטירט אין די DRI טרייבט אויף נאך $3 אין אינוועסטירונגען פון אנדערע מקורות, אזוי ווי די אויפלעבונג רוקט זיך פאראויס און פראיעקטן ווערן פארענדיגט. די אונטערטרייבנדע אפעקט וואס עס האט וועט פארזעצן פאר לאנג נאך די DRI קאמיוניטיס פארענדיגן אלע זייערע פראיעקטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן